בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שמיני תשע"ח | פרקי אבות פרק א | גליון 451 [שנה י']

**בזכות מילה האט אהרן זוכה געווען צו מקריב זיין קרבנות**

וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן ... וַיֹּאמֶר אֶל־אַהֲרֹן... וְהַקְרֵב לִפְנֵי ה': (ט א) שטייט אין מדרש פ' אחרי בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל־הַקֹּדֶשׁ (טז ג) וואס מיינט בְּזֹאת? בזכות פון מצוות מִילָה וואס איז זֹאת, אזוי ווי עס שטייט זֹאת בְּרִיתִי אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּ בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ "הִמּוֹל לָכֶם כָּל־זָכָר":(בראשית יז י), און ביי מילה שטייט (ויקרא יב ג) וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ: דאס איז מרומז דא אין פסוק וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי, אין זכות פון דער וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל, וועט אהרן הכהן זוכה זיין צו וְהַקְרֵב לִפְנֵי ה', אזוי ווי עס שטייט אין מדרש בְּזֹאת: בזכות הַמִּילָה וועט אהרן אריינגיין און מקריב זיין קרבנות. (תנופה חיים ר' חיים פאלאז'י)

**שייכות מכירת יוסף און חטא העגל**

קְחוּ שְׂעִיר עִזִּים לְחַטָּאת וְעֵגֶל וָכֶבֶשׂ בְּנֵי־שָׁנָה תְּמִימִם לְעֹלָה: וְשׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים לִזְבֹּחַ לִפְנֵי ה' וּמִנְחָה בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן כִּי הַיּוֹם ה' נִרְאָה אֲלֵיכֶם: (ט ב) שטייט אין תרגום יונתן בן עוזיאל און אזוי ווערט געברענגט אין מדרש: אז דער שְׂעִיר איז כנגד די שְׂעִיר עִזִּים וואס די ברידער האבן גע'שחט'ן ביי מכירת יוסף. דארף מען פארשטיין וואס איז דער שייכות פון דעם חטא פון מכירת יוסף און דער חטא פון עגל? נאר ביי די ברידער איז געווען זייער קנאה צו יוסף מיטן טענה וַיֹּאמְרוּ לוֹ אֶחָיו הֲמָלֹךְ תִּמְלֹךְ עָלֵינוּ, מיר דארפן נישט קיין מנהיג פאר אונז, אבער ביים עגל האבן די אידן נישט געקענט ווארטן פאר משה ווייל זיי דארפן א מנהיג און האבן געוואלט אז דער עגל זאל זיין זייער מנהיג! קומט אויס אז ביים חטא העגל דארפן זיי איינעם זאל געוועלטיגן אויף זיי, אויב אזוי פארוואס האבן די ברידער פיינט געהאט יוסף ווייל זיי דארפן נישט א געוועלטיגער? דעריבער דארפן די אידן ברענגען א עגל צו מכפר זיין אויפן חטא מכירת יוסף. (תנופה חיים ר' חיים פאלאז'י)

**ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה**

וַיִּקְרְבוּ כָּל־הָעֵדָה וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי ה': (ט ה) שטייט אין חז"ל אז עמידה מיינט דאוונען אזוי ווי עס שטייט (תהלים קו ל) וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל, דאס מיינט וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי ה', די אידן האבן זיך דערנענטערט און געדאווענט צום אויבערשטן, כדי זוכה צו זיין צו גילוי שכינה, לויט דעם האבן דא די אידן געטאן דריי זאכן: וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי ה', דאס מיינט תפילה, און זיי האבן געברענגט קרבנות וואס דאס איז תשובה, וואס ברענגט א כפרה, און האבן געגעבן געלט פאר די קרבנות ציבור וואס דאס איז צדקה, און מיר ווייסן אז תשובה און תפילה און צדקה זענען מעבירין את רוע הגזירה. און וועגן דעם האבן די אידן זוכה געווען צו גילוי שכינה. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**נאך א מהלך- בזכות דאווענען געשמאק קומט מען צו הויכע מדריגות**

דער מקור פון ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה, וואס מיר זאגן ביי ונתנה תוקף יום כיפור, איז א ירושלמי (מס' תענית פרק ב הלכה א) און אויך א מדרש (בראשית רבה פ' לך לך, פרשה מד סימן יב) שלושה דברים מבטלין את הגזירה קשה ואילו הן: תפילה וצדקה ותשובה. ושלושתן בפסוק אחד: "וְיִכָּנְעוּ עַמִּי אֲשֶׁר נִקְרָא שְׁמִי עֲלֵיהֶם וְיִתְפַּלְלוּ וִיבַקְשׁוּ פָנַי וְיָשֻׁבוּ מִדַּרְכֵיהֶם הָרָעִים וַאֲנִי אֶשְׁמַע מִן הַשָּׁמַיִם וְאֶסְלַח לְחַטָּאתָם וְאֶרְפָּא אֶת אַרְצָם" (דברי הימים ב ז יד). וְיִתְפַּלְלוּ זו תפילה, וִיבַקְשׁוּ פָנַי: זו צדקה, אזוי ווי עס שטייט אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ, וְיָשֻׁבוּ מִדַּרְכֵיהֶם הָרָעִים: זו תשובה. אויב מען טוט די דריי זאכן שטייט נאכדעם? וַאֲנִי אֶשְׁמַע מִן הַשָּׁמַיִם וְאֶסְלַח לְחַטָּאתָם וְאֶרְפָּא אֶת אַרְצָם. יעצט לויט די רייד פון הייליגן תפוחי חיים קען מען זאגן נאך א רמז אז עס איז ידוע אז א געשמאקער דאווענען ברענגט א מענטש נאנט צום אויבערשטן, און עס ווערט געברענגט פון הייליגן בית אהרן וואס האט געזאגט אז ביי זיין טאטן דער גרויסער ר' אשר מסטאלין זצוק"ל זענען געווען אסאך חסידים וואס האבן זוכה געווען צו רוח הקודש נאר וועגן זייער דאווענען, דאס מיינט וַיַּעַמְדוּ, אז מען דאווענט ווי עס דארף צו זיין דעמאלט'ס איז לִפְנֵי ה', מען ווערט נאנט צום אויבערשטן און מען איז זוכה צו גרויסע מדריגות. (שמח זבולון תשע"ח)

**בזכות מילה באוויזט זיך דער אויבערשטן צו א מענטש**

וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה' תַּעֲשׂוּ וְיֵרָא אֲלֵיכֶם כְּבוֹד ה': (ט ו) שטייט אין מדרש פ' וירא אויף פסוק ב' וְשׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים לִזְבֹּחַ לִפְנֵי ה' וּמִנְחָה בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן כִּי הַיּוֹם ה' נִרְאָה אֲלֵיכֶם: אז מַה דאָך דער וואס איז מקריב א קרבן טוט זיך דער אויבערשטער באווייזן צו אים אזוי ווי עס שטייט כִּי הַיּוֹם ה' נִרְאָה אֲלֵיכֶם, איז אוודאי דער וואס איז זיך מַל וועט דער אויבערשטער זיך באווייזן צו אים. קען מען דאס מרמז זיין כִּי הַיּוֹם ה' נִרְאָה איז די ר"ת 85 בגימ' מיל"ה, און די ס"ת הַיּוֹם' ה' נִרְאָה' אֲלֵיכֶם' איז 90 בגימ' המיל"ה. און עס שטייט וְזֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר מָל יְהוֹשֻׁעַ כָּל הָעָם (יהושע ה ד) זעט מען אז הַדָּבָר מיינט מילה, דאס מיינט זֶה הַדָּבָר –מילה– אֲשֶׁר־צִוָּה ה' תַּעֲשׂוּ, אויב איר וועט דאס מקיים זיין, וְיֵרָא אֲלֵיכֶם כְּבוֹד ה', וועט זיך דער אויבערשטער באווייזן צו אייך בזכות המילה. (תנופה חיים ר' חיים פאלאז'י)

**מיט דעם פארשטייט מען א פסוק אין פ' וישלח**

לכאורה לויט דעם איז קלאר א פשט אין דעם פסוק וואס שטייט ביי שְׁכֶם בֶּן חֲמוֹר: וְלֹא־אֵחַר הַנַּעַר לַעֲשׂוֹת הַדָּבָר, (בראשית לד יט) און עס שטייט אבער נישט וואס ער האט געטאן! נאר לויט הגאון ר' חיים פאלאז'י, מיינט דאך דער ווארט הַדָּבָר, מילה, קומט אויס אז דער נַעַר, שְׁכֶם בֶּן חֲמוֹר, האט זיך נישט פארזוימט לַעֲשׂוֹת הַדָּבָר און זיך גלייך גע'מַלֶה'ט. (שמח זבולון תשע"ח)

**ווען הויבט מען אן פרקי אבות דעם יאר**

דעם יאר שבת כ"ב ניסן קומט אויס א אינטערעסאנטע פאל וואס אין א"י ליינט מען פ' שמיני און אין חו"ל איז דאס נאך אחרון של פסח, אבער עס קומט אויס נאך א שאלה וואס שטייט אז דער שבת נאך פסח לערנט מען פרקי אבות און אין ספר תקון יששכר שטייט א רמז וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי אז אין פ' שְׁמִינִי– קָרָא מֹשֶׁה, לערנט מען משה קיבל תורה מסיני, אין לוח א"י פון הרב טוקצ'ינסקי שטייט אז מען הויבט אן שבת כ"ב ניסן פרקי אבות און אין חו"ל וועט מען אנפאנגען דעם קומענדיגן וואך. ממילא וועט זיין א חילוק פון די פרקים פון א"י און חו"ל. דער רמ"ע מפאנו אין ספר עשרה מאמרות (מאמר חיקור הדין) האלט אז מען זאל נישט מאכן א חילוק פון א"י און חו"ל נאר דעם שבת כ"ב ניסן זאל מען לערנען פ' חלק פון מס' סנהדרין און אזוי וועט זיין גלייך א"י און חו"ל מיטן לערנען פרקי אבות. עס איז דא מנהגים און נהרא נהרא ופשטיה. יעדער לויט זיין מנהג. (המו"ל)

## מדור העובדות

## דער הייליגער ר' דויד מדינוב פראוועט א גאר אינטערסאנטער סדר

דער שבת נאך יו"ט איז נאך יו"ט, דער מוסר השכל פון די מעשה איז אז צדיקים האבן אלץ געזוכט צו באהאלטן זייער מעשים אז עס זאל נישט ארויסגיין אין גאס. הרה"ק ר' דויד -ווען ער איז געווען יונג איז ער געווארן שלאף און דער בני יששכר האט צוגעלייגט א יו"ד צו דוד- מדינוב זצוק"ל איז געווען דער יונגסטן זון פון הייליגן בני יששכר און איז געווארן זיין ממלא מקום. ער האט חתונה געהאט ביי די דרייצן יאר צו די טאכטער פון הרבני הנגיד ר' ישעי' נפתלי הירץ א חסיד פון הייליגן ריזינער און הרה"ק ר' שלום מבעלזא זיע"א. און דער אפמאך איז געווען אז ר' דויד וועט בלייבן וואוינען אין דינוב און לערנען און באקומען א הדרכה פון זיין טאטן. נאר איין יו"ט וועט דער מחותן אים באקומען. פורים האט דער מחותן געשיקט א שיינע משלוח מנות און א סכום געלט און געבעטן אז פסח זאל דער יונגע פארפאלק זיין ביי אים, ר' דויד האט נישט געהאט חשק אוועקגיין פון זיין טאטנ'ס סדר אבער מען האט דאך אפגערעדט און האט מסכים געווען צו גיין צום שווער.

ר' דויד איז געווען א עובד ה' און האט געלערנט בהתמדה און זיין שווער האט אים זייער געשעצט, דער בני יששכר האט געהאט בירושה א אלטן גרויסן זילבערנעם בעכער און ר' דויד האט געבעטן אז ער וויל דאס מיט נעמען צו זיין שווער אויפן סדר. ר' דויד איז אנגעקומען צום שווער וואס איז געווען א עושר און האט אויך געהאט א אוצר פון אלע סארטן וויין און ר' דויד האט אים געבעטן ער וויל אויסקלייבן וויין פארן סדר.

דער שווער האט געבעטן צו זען זיין בעכער און האט דאס באוויזן פארן שווער, און דער שווער ווייזט פאר ר' דויד די שוואכע וויין ווייל ער האט פארשטאנען אז אין אזא גרויסע בעכער אויב מען וועט לייגן שטארקע וויין וועט דער איידעם גלייך איינשלאפן! אבער ר' דויד זאגט זיין שווער אז ער זאל זיך נישט זארגן און ער וויל נעמען פון די אלטע וויין וואס איז שטארק, דערוויל זוכט ר' דויד ארום אין די וויין קעלער און אין א ווינקל זעט ער א פאר פעסער וואס איז ארום גענומען מין שפינען וועב און א סימן אז די וויין איז גאר אלט, ווען ר' דויד בעט זיין שווער אז ער וויל נוצן די וויין פון די פעסער, רופט זיך אן זיין שווער אז די וויין איז אזוי שטארק אז מען באנוצט דאס ווען א חולה דארף שלאפן אפאר טעג זיך אויסהיילן, און אז דו וועסט נוצן די וויין מיט דיין גרויסער בעכער וועסטו גלייך איינשלאפן און פארפעלן די ביידע סדרים! רופט זיך אן ר' דויד אז ער זאגט אים צו אז ער וועט נישט איינשלאפן, און אויב ער וועט אים נישט געבן פון די גאר אלטע וויין פארט ער צוריק קיין דינוב! זיין שווער האט געשעצט זיין איידעם און האט אים געוואלט ביים סדר און האט מסכים געווען.

ביים סדר האט ר' דויד געזאגט זיין ווייב אז זי זאל נישט נעמען א כוס פאר זיך נאר זי זאל טרינקען פון זיין בעכער. און טאקע דער סדר איז אנגעקומען און ר' דויד הגייט פירן דעם דערהויבענער סדר און גיסט אן דער גרויסע בעכער און מאכט קידוש און ער גיט זיין פרוי א ביסל און ביז אפאר מינוט איז זי איינגעשלאפן. דערווייל ר' דויד קאכט זיך און זאגט די הגדה און טרינקט די צווייטער און דריטער און דער פערטער כוס. דער שווער האט דא געזען אז דער איידעם איז נאך מער דערהויבן ווי ער האט גע'חלומ'ט. דער סדר האט זיך געענדיגט און דער שווער וויל זען וואס זיין איידער גייט יעצט טאן, און ר' דויד נעמט זיך לערנען א גאנצע נאכט!

זיין שווער ר' ישעי' נפתלי הירץ איז געווען אויסער זיך! עס איז נישט מעגלאך אזא זאך אז א מענטש זאל טרינקען אזעלכע שטארקע וויין און דערצו נאך פיר כוסות און נאך זיין אויף א גאנצע נאכט! פון רוב התרגשות האט דער שווער זיך נישט געקענט איינהאלטן און דערציילט פאר זיינע חבירים וואס עס האט זיך אפגעטאן ביים סדר מיט זיין דערהויבענעם איידעם! זיינע חבירים האבן געבעטן אז זיי ווילן טאקע זען אזא עבודה און האבן זיך באהאלטן אינדערוסן ביים פענסטער.

ר' דויד גרייט זיך צום סדר און דער שווערווארט אז ער זאל אנפילן די גרויסע בעכער מיט די אלטע וויין ווען ר' דויד רופט זיך אן צום שווער פארוואס האט ער דערציילט וואס איז געווען נעכטן און געברענגט מענטשן וואס באהאלטן זיך אינדערויסן? דער שווער האט זיך דערשראקן און געהייסן זיינע חבירים אוועקגיין פון זיין שטוב. ר' דוד האט זיך אנגערופן מיינסט אז איך האב געמאכט קונצין! און האט געהייסן זיין שווער ברענגען א נארמאלן בעכער און פשוטע וויין און אזוי האט ר' דויד געפירט דעם סדר. דער שווער האט געהאט שטארק חרטה און איבערגעבעטן ר' דויד און צוגעזאגט אז ער וועט מער נישט דערציילן פאר קיינעם וואס ער זעט עבודה ביי אים! צדיקי אמת האבן געקענט טרינקען אסאך פון די שטארקע בראנפען און אלטע וויין און דאס האט נישט געהאט קיין שום השפעה אויף זייער עבודה און מוח ווייל א צדיק דארף קענען שולט זיין אויף זיין מוח.

הרה"ק ר' דויד האט איבער גענומען די הנהגה נאך דעם הסתלקות פון זיין טאטן י"ח טבת תר"א און איז נפטר געווארן אין דינוב י"ט באדר תרל"ד אלט געווען 70 יאר. זיינע שיינע און געשמאקע תורות זענען געדרוקט אין ספר צמח דוד על התורה ומועדים, געדרוקט דורך זיין אייניקל רבי מנחם מנדל רוקח פון דינוב אין פרמישלא תרל"ט, און נאכדעם אין מונקאטש תרס"ח, ניו יורק תשי"ג. און שפעטער איבער געארבעט מיט א מפתח און תולדות המחבר. ער האט געהאט א זון רבי ישעיה נפתלי הירץ -וואס הייסט נאך זיין שווער (תקצ"ח - ד' בסיון תרמ"ה) א איידעם ביי זיין הייליגן ברודער הרה"ק ר' אלעזר מלאהנצוט זצוק"ל בעל הנותן אמרי שפר.- און ער האט איבערגענומען זיין טאטנ'ס פלאץ אין דינוב. זיע"א


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

**א ספר עץ חיים האנט געשריבן און געמאלען שיין שנת תצ"ו האט באלאנגט צו הגה"ק ר' יהונתן אייבישיץ מיט 150 הגהות ותיקונים פון אים כת"י און א קמיע $400,000, א קונטרס הידושים אויף מס' שבת מיטן נאמען מוסיף השבת געשריבן פון הייליגן חת"ם סופר יונגערהייט 10 זייטן**

**$200,000** מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגווער רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500, 100 היתר נישואין נאך די שואה תש"ו מיט חתימת פון בי"ד, אסאך היסטאריה פון די משפחות $15000 20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***